# אונזער
# קינדער גארטן

**מהנעשה ונשמע**


**בכיתת גן בתלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר קרית יואל בני ברק**

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זי"ע - בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

**כיתת המלמדים הר"ר דוד בן ציון וויינבערגער הי"ו והר"ר יואל ברד"מ ווייס הי"ו**

בעזהשי"ת | **פרייטאג פרשת תולדות, כ"ט מרחשון, תשע"ב** | דריטע אויסגאבע


## המשך השכמת הבוקר

⇐ ביינאכט פאר ווען מ'גייט שלאפן דארף מען עסן מ'זאל נישט זיין הונגעריג און אינמיטן נאכט דארפן אויפשטיין, אדער וויינען ווייל מ'איז הונגעריג צו עסן.

⇐ ווען די מאמע הייסט עסן דארף מען גלייך פאלגן די ערשטע מאל, און מ'דארף עסן זיצנדיגערהייט.

⇐ די שיך און די וועש דארף מען לייגן מסודר'דיג אויפן פלאץ און נישט אראפ ווארפן אויף די ערד און אזוי אויך אינדערפרי צוריק לייגן די פיז'אמע אויפן פלאץ.

⇐ מ'דארף קישן די מזוזה און ליינען קריאת שמע פאר ווען מ'גייט שלאפן, אונז ליינען קריאת שמע אין חדר כדי צו אויסלערנען און מחנך זיין ודי קינדער ווי אזוי זיך צו פירן.

⇐ מ'דארף שלאפן ביינאכט מיט קאפל, די תורה זאל נישט ארויס פליהען.

מיר האבן ארום גערעדט
די גוטע חלק פון יעקב אז
ער האט געמאכט א
ברכה פארן עסן, און
געדאווענט און געלערנט...
און נישט אזוי שטארק די
שלעכטע חלק פון עשו

די קומענדיגע וואך גייען
מיר ארום רעדן וועגן די
ריינקייט פון די ציינער,
יעצט איז די געלעגנהייט
צו אויסלערנען די קינדער
צו פוצן די ציינער יעדן
טאג

## השבת אבידה

ס'איז געבליבן אין חדר
**צוויי פלעשלעך**
שוין פון אנהייב וואך

מיר ווילן מודיע זיין פאר די עלטערן
אז מ'באקומט אין חדר אסאך מאל
מו טרינקען אין א גלאז

## ברכת מזל טוב

פאר תלמידינו היקר
**יואל**
ב"ר מאיר צבי
**שווארץ** נ"י

צו די שידוך שליסן
פון זיין שוועסטער



דער "שבת טאטע"
די וואך איז געווען
**שלמה**
**עקשטיין** נ"י

פון די וואך האבן מיר
אנגעפאנגען
צו אהיים שיקן מיטן
"שבת טאטע"
**א קרוין**
וואס עס שטייט אויף
דעם זיין נאמען

ווער ס'איז דער שבת
טאטע וועט באקומען א
צעטל מיטוואך וואס ער
דארף ברענגען